**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/30/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט ניו יארק סטעיט לענדמארקס וועלן באלאכטן ווערן אין רויט, ווייס און בלוי היינט נאכט לכבוד ׳מעמאָריעל דעי׳**

***גיבט ארויס פראקלאמאציע אויף אנצודענקען סערוויס מיטגלידער וועלכע האבן זיך מקריב געווען ענדגילטיג מיט זייערע לעבנס***

***פירט איין ׳באזארגט איבער א וועטעראן׳ אָנליין שטיצע-מיטל אפצוהאלטן זעלבסט-מארד צווישן וועטעראנען און סערוויס מיטגלידער***

***אָנליין הילפס-מיטלען העלפן פאמיליע מיטגלידער און אויפפאסער צו רעדן צו וועטעראנען און סערוויס מיטגלידער וועלכע מאכן מיט גייסטישע געזונטהייט קריזיסן***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז היינט נאכט, מאי 30, 2022, וועלן מערקפונקטן איבער גאנץ ניו יארק סטעיט וועלן באלאכטן ווערן אין רויט, ווייס און בלוי אויף אנצודענקען ׳מעמאָריעל דעי׳. אין צוגאב האט גאווערנער האוקול ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע פאר ׳מעמאָריעל דעי׳ צו פארעהרן די סערוויס מיטגלידער וועלכע האבן זיך מקריב געווען ענדגילטיג מיט זייערע לעבנס פאר זייער סטעיט און לאנד.

״עס איז אונזער הייליגער פליכט אנצודענקען און פאראייביגן די לעבנס פון די וועלכע האבן זיך מקריב געווען ענדגילטיג מיט זייערע לעבנס אין דינען אונזער סטעיט און לאנד,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״זייערע לעבנס און סערוויס שטייען אלס א דערמאנונג אז אונזערע פרייהייטן און רעכטן קומען מיט א ריזיגן קאסט — זיך מקריב געווען אויף אן אופן וואס וועט געדענקט ווערן דורך ניו יארקער היינט און אויף פילע דורות אינ׳ם צוקונפט.״

די מערקפונקטן באלאכטן צו ווערן אין אנערקענונג פון ׳מעמאָריעל דעי׳ רעכענען אריין:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנער מעריאו עם. קאומאו ברידזש
- קאסציאושקא ברידזש
- דער העיטש. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער
- דער ׳פראנקלין ד. רוזוועלט׳ מיטל-הודסאן ברידזש
- גרענד צענטראל טערמינאל - פערשינג סקווער וויאדוקט
- אלבאני אינטערנאציאנאל עירפארט געיטוועי
- דער לעיק פלאסיד אלימפישע שפרינגען קאמפלעקס

עמפייער סטעיט פלאזא
ניאגארא פאָלס

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון וועטעראנען סערוויסעס דירעקטארין וויוויאנא דעקאהען האט געזאגט,** ״מיר געדענקען די סערוויס מיטגלידער וועלכע האבן אלץ איבערגעגעבן אויף צו באשיצן אונזער לעבנסשטייגער פון וועלכן מיר טוען אלע געניסן צוליב דאס וואס זיי האבן זיך מקריב געווען. מיר טוען אנדענקען זייער סערוויס דורך פארעהרן אלצדינג וואס זיי האבן געטון און געגעבן פון זיך אין דעם ענדגילטיגן שריט פון דינען זייערע ניו יארקער מיט-בירגער און אמעריקאנער. מיר וועלן קיינמאל נישט פארגעסן.״

גאווערנער האוקול האט אויך אויסגעמאלדן דאס איינפירן [׳באזארגט איבער א וועטעראן׳](https://ogs.ny.gov/wav) — אויך באקאנט אלס WAV— א נייע אָנליין זיכערהייט מיטל געאייגנט אויף אפצוהאלטן זעלבסט-מארד צווישן וועטעראנען און סערוויס מיטגלידער. דער פאמיליע הילפס-מיטל, אנטוויקלט דורך דער אפטיילונג פון וועטעראנען סערוויסעס און דער אפיס פון גייסטיגע געזונט אין לויף פון איבער צוויי יאר, העלפט מיליטערישע פאמיליעס און אויפפאסער צו רעדן מיט א וועטעראן אדער סערוויס מיטגליד במשך א צייט פון גייסטישע געזונט געדראנג.

DVS און OMH ארבעטן נאענט אינאיינעם מיט צוזאמארבעטער אין ניו יארק סטעיט׳ס דעלעגאציע צו דעם גאנץ-לאנדישע גאווערנער׳ס פארמעסט אפצוהאלטן זעלבסט-מארד צווישן מיליטערישע דינסט מיטגלידער, וועטעראנען, און זייערע פאמיליעס.

׳מעמאָריעל דעי׳ איז ערשט אנערקענט געווארן אום מאי 5, 1866, אין דעם ווילעדזש וואָטערלו, ניו יארק, ווען וועטעראנען און ציווילע פירער האבן מארשירט צו די קאמיוניטי׳ס דריי צווינטערן פאר נעבן-קבר אנדענק סערוויסעס צו פארעהרן די וועלכע זענען אומגעקומען אין לויף פון דעם בירגער קריג. אין 1971, איז ׳מעמאָריעל דעי׳ עמטליך אנערקענט געווארן אלס א פעדעראלע חאגע און א נאציאנאלע טאג פון טרויער און אנדענק פאר די וועלכע זענען אומגעקומען בשעת׳ס דינען אין די יו-עס ארמיי קראפטן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך אויסשרייבן](#)